בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת משפטים תשפ"ב
מאמר א' ס"ג

יו"ל פר' משפטים תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



**© כל הזכויות שמורות**


**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**


kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין מדרש (שמו"ר ל, ה) 'בא וראה כמה משובחת פרשה זו, כמה פרשיות בה וכמה אזהרות הזהיר הקב"ה לישראל בפרשה זו', און די מדרש מיינט נישט צו זאגען נאר אויף די מערונג - ריבוי פון די הלכות מיט די דינים וואס שטייען אין די פרשה כפשוטו, נאר די מדרש מיינט אויך אויף דיביישפילען - דוגמאות וואס זי ברענגט וואס מ'קען דאס פארשטייטשען מיט מער א טיפקייט פון די פשוטע פשט, און איינער פון די ביישפילען - דוגמאות וואס די מדרש ברענגט איז אויפ'ן פסוק (כא, ז) 'כי ימכור איש את בתו לאמה' - איש היינו הקב"ה כדכתיב (בשלח טו, ג) 'ה' איש מלחמה', ו'בתו' היינו התורה הק' - 'בת אחת היתה לי ומכרתיה לכם, ואין אתם מוציאין אותה אלא חבושה בארון, 'לא תצא כצאת העבדים' (שם) - נהגו בה כבוד ששביתם אותה מאצלי שנאמר 'עלית למרום שבית שבי' (תהלים סח, יט)'. און וויא מ'לערנט בפשטות מיינט די מדרש אויף די כבוד וואס מ'דארף זיך פירען מיט די תורה אזוי וויא אלע הלכות וואס שטייט בפירוש אין הלכות ספר תורה, און זיך פירען בקדושת המקום אין די ארט וויא מ'לייגט דארט'ן די ספר תורה, ווייל זי איז א 'בת מלך' (עי' אמרי יושר).

**אבער** דער **שפת אמת** (תרמ"ו ותרמ"ט ד"ה בזוה"ק, ובפר' יתרו תרנ"ה ד"ה במדרש, ועי' פר' תרומה תרנ"ד ד"ה במדרש) טייטשט די מדרש אז ס'גייט ארויף אויף די פנימיות התורה וואס איז געגעבען געווארען פאר די יודישע קינדער. און ס'קען זיין אז ער לערנט אנדערש פון די פשוטע פשט אינעם מדרש, ווייל ס'איז איהם שווער געווען די לשון פונעם מדרש וואס שטייט 'חבושה' בארון, וואס איז משמע אז די תורה איז איינגעשפארט ביי אונז אזוי וויא איינער וואס מען האט איהם איינגעשפארט אין תפיסה - כחבוש בבית האסורים (ועי' יפה תואר כאן שמציין לדבריו בשמו"ר כח, א ושמו"ר לג, ב).

**און** דער שפת אמת געבט צו פארשטיין אז געוויס טאקע איז די הייליגע תורה איינגעשפארט ביי אונז - חבושה אצלנו, ווייל ס'געפינט זיך אין תפיסה

- בבית האסורים אין דער גשמיות'דיגע גוף פון יעדער יוד וואס לעבט אין די גשמיות'דיגע עולם הזה. און דאס איז וואס ס'שטייט אין די גמרא (שבת פח: פט.) אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה 'חמודה גנוזה שגנוזה לך תשע מאות ושבעים וארבעה דורות קודם שנברא העולם אתה מבקש ליתנה לבשר ודם', און די טענה האבען זיי נישט געזאגט ווייל זיי האבען געהאט א אייגענע נגיעה פון קנאת איש מרעהו, ווייל די סארט קנאה עגזעסטירט נישט ביי זיי בכלל - אזוי ווי משה רבינו ע"ה האט זיי געזאגט 'כלום קנאה יש ביניכם', נאר זייער טענה איז געווען אז מ'זאל נישט געבען די תורה פאר קיין בשר ודם, ווייל ווי אזוי קען מען נעמען די הייליגע תורה וואס איז אינגאנצען רוחניות'דיג און זייער הויעך, און איהר אראפ ברענגען צו די גשמיות'דגע און שפל'דיגע עולם הזה. אבער דער אייבערשטער האט נישט מסכים מיט זיי און ער האט זיך אויסגעוועלט צו געבען די תורה פאר די יודען, אפילו אז מיט דעם ווערט זי אין א בחינה פון שביה - געפאנגען. און דאס איז די דערהער אין מדרש אז די תורה איז 'חבושה בארון', אפילו ווען די תורה הק' ליגט ברוב פאר אין א שיינעם ארון קודש אזוי ווי א ס'פאסט לכבוד התורה, אבער דאס אינערליכקייט פון תורה - די פנימיות פון די תורה געפינט זיך אין תפיסה - בבית האסורים, און טראצדעם אז אויך דא אויף די וועלט וואס איז א צמצום אחר צמצום - איז אביסעל אנטפלעקט געווארען פון די הייליגקייט פון די תורה, אבער באמת איז דער תורה אסאך טיפער, אסאך אינערליכע, אסאך העכער ווי דער וועלט, און זי איז איינגעשפארט אין תפיסה - חבושה בבית האסורים - אינעם גוף אינעם גשמיות'דגע וועלט.

**און** דאס איז וואס דער פסוק זאגט '**וכי ימכור איש את בתו לאמה**' - ס'גייט ארויף אויף די תורה הק' וואס איז געגעבען געווארען אינעם גשמיות'דיגע גוף, און די ארבעט פונעם מענטש איז צו אנטפלעקען די אור התורה און די אור הנשמה - אז אלע רמ"ח איברים זיינע זאלען נאכגעצויגען ווערען נאך די תורה און נאך די נשמה. '**אם רעה בעיני אדוניה אשר לא יעדה**' - אז ער דערהייבט נישט די גוף, אמת טאקע אז די תורה איז א 'לקח טוב', אבער אויב די מענטש שפירט נישט און דערגרייכט נישט די

גוטס וואס איז דא אין די תורה, איז די תורה צוגעגליכען אזוי וויא זי איז איינגעשפארט ביי איהם אינעם שאנק. אבער אויב ער דעגרייכט אזוי וויא עס דארף צו זיין די קדושת התורה, און ער פארעכט זיין גאנצע קערפער לויט'ן תורה, איז אויף איהם געזאגט געווארען **'לו' יעדה** מיט א וי"ו, ביי איהם איז די תורה נישט איינגעשפארט אינעם שאנק, נאר זי ווערט אנטפלעקט אזוי וויא ס'דארף צו זיין אויף די וועלט, ווייל **די איינציגסטע וועג אז די תורה זאל אנטפלעקט ווערען געהעריג אין די וועלט, איז דורך קיום התורה און לימוד התורה פון די יודישע קינדער, אז די תורה ווייזט איהם די וועג וויא אזוי זיך אויף צופירען - און אלע זיינע רמ"ח אברים פירען זיך לויט די תורה**, דעמאלט ווערט אנטפלעקט די פנימיות פונעם תורה אויך אינעם גשמיות'דיגען עולם הזה.

**אבער** בין כך ובין כך - אויך אויב ער איז נישט אין אזיין דרגה פון **'אשר לו יעדה'**, נאר ער איז אין א בחינה פון **לא יעדה**, פונדעסטוועגען דארף ער זיך נישט באנוצען מיט די כוחות און די חושים וואס זענען געגעבען געווארען און נתלבש געווארען אינעם גשמיות'דיגע גוף, אויף צו טוהן מיט דעם פארקערט פונעם אייבערשטענס רצון, און דאס איז וואס שטייט **'לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה'** (כא, ח), ווייל דער מענטש דארף געדענקען אז אינעם קערפער פון יעדער יוד איז מלובש אותיות פונעם תורה הק', און ער דארף כאטשיג היטען אויפדעם נישט אראפ צו נידערען די אותיות התורה פון זייערע קדושה, און נישט פוגם זיין אין די הארת הנשמה וואס איז דא אין איהם - חלק אלוק ממעל, ער זאל זיך נישט חס ושלום באנוצען מיט'ן כוחות הנפש אויף שלעכטס, און אין יעדען צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין איז געזאגט געווארען **'לא תצא כצאת העבדים'** - אז מ'דארף כאטשיג היטען נישט קאליע צו מאכען די נשמה. און אויף כלל ישראל בכלל און אויף יעדען יודיש קינד בפרט איז געזאגט געווארען 'והפדה', אז ער דארף אויסלייזען די תורה - דורכדעם וואס דער תורה וועט ארום נעמען דער גאנצער מענטש, אז אויך זיין גשמיות'דיגע גוף זאל נאכגעצויגען ווערען נאכ'ן תורה.

**און** מיט דעם ערקלערט דער **שפת אמת** (יתרו הנ"ל, ועמ"ס אבות מפינחס תרל"ד) דאס

וואס שטייט אין חז"ל (אבות פ"ו מ"ב) 'בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה', וואס לכאורה דארף מען פארשטיין וואס מיינט 'מעלבונה של תורה', וואס פאר א 'עלבון' - א באליידיגען האט די תורה אויב מענטשען לערנען איהר נישט, די דאזיגע זאך איז א 'עלבון' - א באליידיגען פאר די מענטשען, אז זיי האבען נישט די דעת און די ריכטיגע שכל ווען זיי לערנען נישט און זענען נישט עוסק אין תורה. נאר די באדייט דערפון איז אז וויבאלד אז די תורה איז פארשפארט - חבושה אינעם מענטש, און אויך ווען מען איז נישט עוסק אין איהר, שיידט זיך נישט אפ די תורה פון זיי, נאר ס'בלייבט איינגעשפארט ביי יעדער איינער און איינער פון די יודישע קינדער אזוי וויא ס'שטייט 'שבית שבי וגו' באדם', און מ'קען זיך נישט אפטיילען פון איהר, און ווען מען איז נישט עוסק אין די תורה און מען לאזט דאס אפ און מען באהעפט זיך צו די גשמיות, דעמאלט ווערט נישט אנטפלעקט די אור התורה אזוי וויא עס דארף צו זיין, און עס ברענגט א 'עלבון' אויך צו די תורה.

**נאך** פרעגט דער **שפת אמת** (עמ"ס אבות) אויפדעם וואס חז"ל זאגען 'בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה', וואס מ'דארף פארשטיין פאר וועמען איז געווידמעט געווארען די בת קול, ממה נפשך, דער וואס לערנט אזוי וויא עס דארף צו זיין דארף נישט צוקומען צום בת קול, און דער וואס לערנט נישט, הערט דאך נישט דעם בת קול, און מיר האבען קיינמאהל נישט געהערט אז די ליידיגייערס אין די שענק הערען די בת קול. טייטשט די שפת אמת אז ס'איז טאקע געגצליך געערעכט אז די בת קול איז געווידמעט געווארען פאר יעדער איינער און איינער, און אזוי וויא עס שטייט פונעם **בעש"ט זי"ע** אז יעדער איינער וואס ווערט פון מאהל צו מאהל ערוועקט און ער האט א רצון צו לערנען די תורה, און אזוי אויך יעדער הרהור תשובה, אלעס קומט פונעם כח פונעם בת קול. און אנטקעגען די פארשטעלעכץ וואס איז דא יעדער טאג פון פריש, אזוי וויא חז"ל זאגען (סוכה נב. קדושין ל:) יצרו של אדם מתחדש ומתגבר עליו בכל יום, איז דא די הילף פונעם בת קול וואס גייט ארויס יעדען טאג פון פריש איהם

צו ערוועקען אויף גוטס (עי"ש שפ"א אבות משבועות תרנ"ז).

**לייגט** דער שפת אמת דארט צו (אבות שם) אז דאס איז א קל וחומר, ומה דאך 'הר חורב' וואס איז א הר דומם - פונדעסטוועגען **רעדט ער און ער גיבט ארויס א קול פאר דער גאנצע וועלט** פונעם כח וואס מ'האט מקבל געווען אויף איהר די תורה, איז אוודאי און כל שכן אז יעדער יוד וואס ער איז א 'מדבר' - נישט קיין דומם און נישט קיין צומח און נישט קיין חי, און ער האט א **נשמה עליונה** - חלק אלוק ממעל, האט ער די כח אז ער קען און ער דארף זיך ערוועקען אזוי וויא די בת קול וואס גייט ארויס יעדער טאג און טאג פון די בארג אליינט. און געוויס טאקע אז לא כל העתים שווים, און ס'דא אמאהל וואס דער מענטש ערוועקט זיך מער צום גוטענס דורכ'ן בת קול, און עס מאכט זיך אמאהל אז ער ערוועקט זיך ווייניגער, אבער אויפדעם ווערט דאך דאס אנגערופען 'בת קול', און אזוי וויא דער **תוספות** יו"ט שרייבט (יבמות פט"ז מ"ו) אז ס'ווערט אנגערופען '**בת** קול' וויבאלד אז אין אנהייב האט משה רבינו ע"ה געהאט - קול לו קול **אליו** (רש"י ויקרא א, א), אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (נשא ז, פט) 'וישמע את הקול מדבר אליו', וואס דאס איז ממש א נבואה, און שפעטער זענען מיר אראפ געגאנגען פון איין מדרגה צום אנדערען מדרגה, צו די נבואה פון די נביאים וואס זענען נישט געווען אינעם דרגה פון משה רבינו עליו השלום, און דערנאך זענען מיר אראפ נאך א מדרגה צו האבען בלויז רוח הקודש, און שפעטער זענען מיר מער אראפ אז מיר זענען נישט זוכה נאר צום 'בת קול', אז עס איז אויך פארהאן אזעלכע מענטשען - וואס ווערען בכלל נישט ערוועקט צו הערען דעם קול, און דעריבער האט מען דאס אנגערופען '**בת** קול' וואס דאס איז א שטייגער אזוי וויא א טאכטער צו איהר טאטע, און ווייל ער איז געווארען אפגעשוואכט אזוי וויא א נקיבה, האט מען דאס נישט אנגערופען '**בן** קול' נאר '**בת** קול'.

**און** מ'קען זאגען א רמז צו דעם, קול לו - קול אלי"ו, **אליו** איז ראשי תיבות **אשר לו** יעדה והפדה, ווייל די תורה איז געגעבען געווארען פאר יעדער יוד, און אויב מ'איז מקיים 'והפדה' - אז מען איז ממשיך אלע רמ"ח אברים נאך די אור התורה און די

נשמה וואס ער פארמאגט, דעמאלטס רעדט די קול צו איהם אליינט ממש - קול לו. און אויב ער ערוועקט זיך נישט נאכצוציעהן זיין גאנצע גשמיות'דיגע גוף נאך די אור התורה, דעמאלטס הערט ער נאר וויפיהל ער קען - ביז וויפיהל ער האט דער מעגליכקייט זיך צו ערוועקען. און דאס איז וואס שטייט **'אוי להם לבריות מעלבונה של תורה'** - אז זיי ווערען נישט ערוועקט צו אנטפלעקען די אור התורה אזוי וויא עס דארף צו זיין - אז זיי פירען זיך נישט אויף מיט אלע זייערע רמ"ח אברים לויט די תורה וואס זיי פארמאגען אין זיך.

**און** אין די גמרא (ברכות מז:) איז דא א הוה אמינא צו זאגען 'תשעה וארון מצטרפין', און אט האבען **צדיקים זי"ע** געזאגט אז א הוה אמינא פון די גמרא איז אויך אמת, און זיי ברענגען דאס וואס הרחיד"א שרייבט (פתח עינים שם) שמעתי 'וארון' ראשי תבות ואחד רואה ואינו נראה, ד. ה. דער אייבערשטער. ווייל געוויס טאקע שטייט אין די גמרא (סנהדרין לט.) אז אינעם מעמד פון צעהן יודען רוהט די שכינה, אבער אויב זיי זענען ראוי דערצו רוהט אויך די שכינה און איז זיך מצטרף אויך מיט תשעה יודען אינאיינעם. און ס'שטייט אין די גמרא (ברכות י.) אז איינער פון די פינעף זאכען וואס די 'נשמה' איז גלייך - דומה לבורא, 'מה הקב"ה **רואה ואינו נראה אף נשמה רואה ואינה נראית**', און דאס איז די כוונה וואס חז"ל זאגען אז די תורה איז איינגעשפארט - חבושה **בארו"ן**, ווייל די אור התורה - די נשמה הטהורה וואס איז באהאלטען אינעם גוף, און פון אינדרויסען באמערקט מען בכלל נישט די קדושה, און זי ליגט באהאלטען און פארשטעלט אינערווייניג אינעם שאנק - בפנים הארון, און די ארבעט פון די מענטש איז דאס צו אנטפלעקען אז מ'זאל דאס קענען זעהן.

**און** ס'שטייט אין די גמרא (תענית טז.) אז בשעת עצירת גשמים **מוציאין את התיבה לרחובה של עיר, לומר כלי צנוע היה לנו ונתבזה בעונינו**. פרעגען די **מפרשים** אז די 'ארון' איז נישט **נתבזה בעונינו**, נאר מיר מיט אונזערע זינד פארשעמען זיך אליינט דערמיט. נאר די באדייט פון **'נתבזה בעונינו'** מיינט צו זאגען דאס וואס חז"ל זאגען עלבונה של תורה, **כי כלי צנוע היה לנו** - מיינט די תורה וואס

זי איז איינגעשפארט אין יעדער איינער און איינער, **רואה ואינו נראה** - ווייל זי געפינט זיך אין ארו"ן, און אויב מען פירט זיך נישט אויף אזוי וויא עס דארץ צו זיין, ווערט זי פארשעמט פון אונזער זינד - **הרי היא מתבזה בעוונינו**. און דאס וואס מיר נעמען ארויס דעם ארון - קומט צו סימבאלזירען אופ'ן אינערליכען און באהאלטענען ארון, וואס בשעת ווען מען זינדיגט ח"ו, **נתבזה הכלי צנוע** - דאס מיינט די תורה, דערנאך וואס מען הערט איהר נישט צו - נאכצוציעהן אלע מעשים נאך איהר, און דאס איז די 'עלבונה של תורה'.

**און** דאס איז וואס חז"ל זאגען (נדה ל:) אז פאר די נשמה גייט אראפ אויף די וועלט, 'מלמדין אותו כל התורה כולה, וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה', און די **מפרשים** און די **ספה"ק** שטעלען זיך שוין דערויף וואס איז די מטרה פון דאס וואס מען לערנט איהם אויס כל התורה כולה (עי' ב"ח יו"ד סי' שה, ועי' נועם אלימלך פר' חיי שרה ד"ה או יאמר ואברהם הא', פר' ויקרא עה"פ ונפש כי תחטא, ליקוטי שושנה ד"ה משוך). און מ'קען אפשר זאגען אז ס'שטייט אין די גמרא (מו"ק יד.) אז א קטן הנולד איז צוגעגליכען אזוי וויא א יוצא מבית האסורים, און דאס איז וואס **מלמדין אותו כל התורה כולה** - כדי אונז צו אויס לערנען אז אין אנהייב ווען מען געבט די תורה פאר'ן מענטש איז דאס אזוי וויא איינער וואס איז איינגעשפארט און געפאנגען אין תפיסה, און דורכדעם וואס זי האט געלערנט פון א מלאך, געפינט זיך די תורה אין זיין פנימיות, איינגעשפארט אינעם גוף פון יעדער איינעם און איינעם, און די ארבעט אויף די וועלט איז אנטפלעקען די תורה, און איהר ארויס נעמען פונעם געפענגעניש, און צו פירען אלע זיינע רמ"ח אברים לויט'ן תורה, אז ס'זאל זיין רואה ונראה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מ'זאל זוכה זיין צו האבען א אמת'ן התעוררות, און מקבל צו זיין אויף זיך **נעשה ונשמע** - מיר זאלען זיך נישט שעמען מיט'ן מאמר פונעם בת קול 'אוי להם לבריות מעלבונה של תורה', און מ'זאל זוכה זיין מקיים צו זיין כל דברי התורה.